# הקדמה

אונזער דור האָט דערלעבט צוויי וואונדער: די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס איז שוין העכער צוויי טויזנט יאָר געווען נישט מער ווי אַ תּפֿילה- און בוך-שפּראַך, ווערט אין ארץ-ישׂראל אַ לעבעדיקע שפּראַך אין הויז, שול און גאַס; און די לעבעדיקע פֿאָלקס-שפּראַך פֿון מיליאָנען ייִדן, וואָס מען האָט נאָך נישט לאַנג באַהאַנדלט ווי אַ שטיפֿקינד אין דער ליטעראַטור, ווערט אַ רייכע ליטעראַטור-שפּראַך און דרינגט אַריין פֿון איר בעלעטריסטישן תּחום אין פּובּליציסטיק און וויסנשאַפֿט. שוין איצט קאָן מען אויפֿן גרונד פֿון געווייסע פֿאַקטן און דייטלעכע סימנים פֿאָראויסזאָגן, אַז אין דער נאָענטער תּקופֿה וועט העברעיִש ווערן די הערשנדע שפּראַך אין ארץ-ישׂראל, וואָס וועט צושטעלן העברעיִשע ליטעראַטור פֿאַרן גאַנצן „גלות", און אין מזרח-אייראָפּע מיט אַמעריקע וועט הערשן די ייִדישע שפּראַך אין דער פּרעסע, ליטעראַטור און אין אַ גרויסן טייל פֿון דער פֿאָלקס-שול.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די „פֿרעמדע שפּראַכן" אין פֿאַרשידענע לענדער וועלן נאָך ווייטער שפּילן אַ וויכטיקע ראָליע אין אונזער קולטור, פּשוט דערפֿאַר, וואָס פֿאַר גרויסע טיילן פֿון אונזער פֿאָלק זענען זיי געוואָרן אַ אייגענע, מוטער-שפּראַך, און מען מוז אַריינגיסן דעם אינהאַלט פֿון דער ייִדישער קולטור אין די דאָזיקע שפּראַכן-כּלים, ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט דאָס שטענדיק געטאָן אויף זיין לאַנגן וועג צווישן פֿעלקער און לענדער. אָבער די גלייכבארעכטיקונג און די גלייכווערטיקייט פֿון אונזערע ביידע שפּראַכן איז שוין געוואָרן אַ היסטאָרישער פֿאַקט, כאָטש אין פּאַרטיי-קלייזלעך איז מען נאָך מבֿטל די אָדער יענע שפּראַך.

באווייזן, ווי איינע פון זיי, דער פארשעמטער אמאליקער
„זשארגאן״, איז אויסגעוואקסן צו א מעכטיקן קולטור-אפאראט, וואס
הייסט „יידיש״—דאס איז דער ציל פון מיין ביכל. דאס איז נישט
ליטעראטור-געשיכטע און נישט צוליב דעם זענען געווען געשריבן
די פארשידענע ארטיקלען, וואס זענען אינם דאזיקן ביכל געזאמלט.
איך האב זיי געשריבן אין פארשידענע צייטן, צווישן יאר 1916
און 1925, פשוט אלס זכרונות וועגן אלטע פריינט, וואס זענען
אוועק אויף יענער וועלט. שפעטער אבער האב איך באמערקט,
אז איין געדאנק פאראייניקט זיי (חוץ דעם גרעסערן טייל פונם
ארטיקל וועגן פ ר ו ג ן, צו וועלכן איך האב שוין דא צוגעגעבן א
קורצן קאפיטל וועגן זיינע יידיש-געשריבענע ווערק). אין די אר-
טיקלען פון „זשארגאן צו יידיש״, וואס זענען לעצטנס געשריבן
(1925) און זענען דא געדרוקט אויפן ערשטן ארט, איז דער דא-
זיקער געדאנק שוין ארויסגעזאגט.
יעדנפאלס, איז דאס נישט מער ווי שטיקלעך מאטעריאל
פאר קולטור-געשיכטע. דער נייער דור מוז וויסן, אז מיט פערציק-
פופציק יאר צוריק האט זיך אפילו מענדעלען, שלום-עליכמען און
אנדערע „זשארגאנישע״ שרייבער נישט געחלומט, אז ס'וועט קומען
א צייט, ווען יידיש וועט קאנען קאנקורירן מיט העברעיש אדער
נאך מער מיט די „געהויבענע״ אייראפעישע שפראכן אין דער מא-
דערנער שול און ליטעראטור, אין דער פרעסע און אין וויסנשאפט;
אז זי וועט אזוי גיך פון א „המון-שפראך״ אויסוואקסן צו אן אמתער
פאלקס-שפראך. א יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט מיט גרוי-
סע אקאדעמישע בענדער, פול מיט וויסנשאפטלעכע פארשונגען אין
געשיכטע, עקאנאמיק, פילאלאגיע, עטנאגראפיע, פאלקלאר — פאר
א ווילדן פאנטאסט וואלטן מיר געהאלטן יענעם, וואס וואלט אונז
אמאל נביאות געזאגט וועגן אזא מעגלעכקייט. און דאס ווערט דאך
געשאפן פאר אונזערע אויגן, און דאס איז נאר א קליינע התחלה!
מען דארף נישט פארקריכן אין שפראך-שאוויניזם און מיינען,
אז נאר דערמיט וועלן מיר ראטעווען די יידישע קולטור. מען
דארף נישט מבטל זיין אויך די אייביקע ראליע פון אונזער אלט-
נייער נאציאנאלער שפראך און דעם גרויסן ווערט פון די-

אייראָפּעיש-אַמעריקאַנישע שפּראַכן, האָס זענען פאַקטיש שוין געוואָרן קולטור-שפּראַכן פאַר פאַרשידענע טיילן פון אונזער פאָלק. אָבער אַנווייזן אויף דער גרויסאַרטיקער דערשיינונג — דאָס אויפבליען פון דער פאָלקס-שפּראַך אין דער גרעסערער העלפט פון דער יידישער נאַציע — זענען מיר מחויב, הייל דאָס איז אַ היכטיקער היסטאָרישער פאַקט.

ש. דובנאָוו

בערלין, מאַי 1929

# פון „זשאַרגאָן” צו ייִדיש

מיר איז באַשערט געווען אין די יונגע יאָרן שטיין ביי דער וויג פון אונזער נייער ליטעראַטור אין דער יידישער פאָלקסשפּראַך און שפּעטער צוקוקן זיך, ווי דאָס קליין קינד, וואָס האָט אין יענער צייט געהייסן „זשאַרגאָן”, איז אויסגעוואַקסן און האָט געקראָגן דעם ריכטיקן נאָמען: ייִדיש. זעלטן ווער עס ווייסט, אַז מיר געהערט יענער אַנאָנימער אַרטיקל וועגן דער נויטיקייט פון אַ צייטונג אין אונזער פאָלקסשפּראַך, וואָס איז געווען געדרוקט אין זומער 1881, אין נומער 35 פון דעם פּעטערבורגער רוסיש-יידישן וואָכנבלאַט „ראזסוועט”.

אין יענעם פאטאלן יאָר פון אונזער געשיכטע איז די פראַגע געוואָרן געוואָרן, און די קומענדיקע צענדליקער יאָרן האָבן אויף איר געגעבן אַ קלאָרע תשובה. די יידישע פאָלקסשפּראַך איז אַרויס פון פאַרוואָרפענעם ווינקל אין אונזער ליטעראַטור און האָט פאַרנומען אין איר אַן אָרט אויבנאָן. דער, וואָס האָט זוכה געווען איבערצולעבן אַזאַ היסטאָרישן פּראָצעס אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט, האָט שוין דאָס רעכט און אפשר אויך אַ חוב אַריינצופירן אַנדערע אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דער געשיכטע און באַווייזן, ווי האָט זיך דאָס אַלץ געקאָכט אין דעם געשיכטס-קעסל.

אָבער נישט געשיכטע שרייבן בין איך דאָ אויסן: איך וויל נאָר דערציילן, דאָס, וואָס איך געדענק וועגן די ערשטע טריט פון דער ניי-יידישער ליטעראַטור און וועגן מיינע באגעגענישן מיט אירע שאַפער, סיי די קליינע, סיי יענע, וואָס זענען פאַר מיינע אויגן באַרימט געוואָרן.